STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05239

DENKMOL IN KIBETS FUN GETO-KEMFER IN YISROEL

National Committee for Labor Israel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דענקמאָל אין קיבוץ

פון געטאָ־קעמפער

אין ישׂראל

פראָיעקט פון

נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר דעם אַרבעטנדיקן ישׂראל

33 איסט 67טע גאַס

ניו־יאָרק 21, נ. י.

„בית לוחמי הגיטאות"
(הויז פון די געטאָ קעמפער)

אן אייגנארטיקער דענקמאל נאך דעם אויסגע־הרגעטן און פארפייניקטן יידישן פאלק ווערט איצט אויפגעבויט אין מדינת ישראל אין דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות אין מערבדיקן גליל. דער דענקמאל איז „דאס הויז פון די געטאָ קעמפער" אויפן נאמען פון יצחק קאצענעלסאן, דעם אומגעבראכטן יידישן דיכטער־קדוש, וועלכער האט ביז צו זיין לעצטן טאג געזונגען קינות אויפן חורבן פון אונזער פאלק און האט זיין אייבציקע טריסט געפונען אין דעם העלדישן אויפשטאנד פון די חלוצים, וועמען ער האט געווידמעט עטלעכע פון זיינע טראגישע לידער. אין דעם דאזיקן הויז וועלן זיך געפינען די ארכיוון, די ביבליאטעק און דער מוזעאום מיט אלע היסטארישע מאטעריאלן פון דער חורבן־תקופה, וואס די גרינדער פון דעם קיבוץ, די לעבן־געבליבענע קעמפער פון ווארשעווער געטאָ האבן אנגעהויבן צו זאמלען מיט 11 יאר צוריק.

דעם 19טן אפריל, 1949, צום זעקסטן יארצייט פון ווארשעווער געטאָ אויפשטאנד, זיינען די לעבן־גע־בליבענע רעשטלעך פון די געטאָ קעמפער, צוזאמען מיט א צאל געוועזענע פארטיזאנער, וואס האבן זיך אויפ־געזאמלט אין ישראל, ארויף אויף א שטח פון 4 טויזנט דונאם באָדן, צווישן עכו און נהריה, אין מערבדיקן גליל, און האבן געגרינדעט דעם „קיבוץ לוחמי הגיטאות". היינט ציילט דער קיבוץ 400 מיטגלידער און 140 קינדער, וואס זיינען שוין געבוירן געווארן אין דער פרייער יידישער מדינה און דערציט אין די ראמען פון דער יוגנט עליה איבער 80 קינדער פון אריענטאלישע לענדער.

צוזאמען מיט דער עטאבלירונג פון קיבוץ איז ביי זיינע גרינדער געבוירן געווארן דער געדאנק אויפ־צושטעלן א היסטארישן אינסטיטוט, אין וועלכן עס זאלן אויפגעזאמלט און שטודירט ווערן אלע מאטעריאלן וועגן דער חורבן־תקופה, און וועלכער זאל זיין א דענקמאל נאך די יידישע קעמפער און מארטירער. טראץ די באַ־שיידענע מיטלען פון קיבוץ און די אלגעמיינע שווערי־קייטן פון זיין אייבוארצלונג־תקופה, איז איינס פון

די ערשטע הײַזער װאָס זײַנען אױפגעשטעלט געװאָרן אין קיבוץ, אָפּגעגעבן געװאָרן פאַר דעם אינסטיטוט און די גרויסע זאַמל־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. דער אינ־סטיטוט באַשטייט פון אַן אַרכיװ, ביבליאָטעק און מו־זעאום. אין דעם אַרכיװ געפינען זיך טויזנטער דאָ־קומענטן און בילדער, װאָס דערציילן װעגן דעם קאַמף און אומקום פון די ייִדן אין אייראָפּע; זאַמלונגען פון דער אונטערערדישער ייִדישער פּרעסע אין די גע־טאָס; טויזנטער בריװ פון ייִדן אין פּױלן, רומעניע, דײַטשלאַנד, פראַנקרײַך, האָלאַנד און אַנדערע אָקופּירטע לענדער; טאָג־ביכער פון די דײַטשע מערדער, מאַנו־סקריפּטן פון אומגעקומענע ייִדן, אָפיציעלע דײַטשע דאָקומענטן און די גאַנצע ליטעראַרישע ירושה פון יצחק קאַצענעלסאָן.

די ביבליאָטעק פון אינסטיטוט פאַרמאָגט קרוב צו 8,000 ביכער פון דער חורבן־ליטעראַטור, װי אױך פון דער נאַציִשער און נעאָ־נאַציִשער ליטעראַטור, װאָס האָבן אַ דאָקומענטאַלע באַדײַטונג. אין דעם מוזעאום פון אינסטיטוט געפינט זיך אַ פּערמאַנענטע אױסשטע־לונג פון פאַרשידענע בילדער און דאָקומענטן װאָס אילוסטרירן די פאַרשידענע פאַזן פון דער פאַרניכטונג. די דאָזיקע אױסשטעלונג איז שױן ביז איצט באַזוכט געװאָרן דורך הונדערטער טויזנט ייִדן און ניט־ייִדן, אײַנװאױנער פון לאַנד און טוריסטן פון אױסלאַנד, שול־קינדער, זעלנער און אַרבעטער.

דער אינסטיטוט גיט אױך אַרױס אַ פּערטל־יאָר שריפט „ידיעות" און האָט שױן ביז איצט פאַרעפנט־לעכט אַ רײ ביכער אױף דער טעמע. צו די פרײַנט פון אינסטיטוט געהערן אַזעלכע פּערזענלעכקײטן, װי: רחל בן־צבי, די פרוי פון ישׂראל פּרעזידענט; דזשאָן הערסי, דער פּראָמינענטער אַמעריקאַנער שרײַבער און מחבר פון דעם בוך װעגן װאַרשעװער געטאָ – „דהי װאָל"; לאָרד ראַסעל, פון ליװערפּול, ענגלאַנד, און אַ סך אַנדערע.

דער דאָזיקער אינסטיטוט, מיט אַלע זײַנע אָפּ־טײלונגען, איז ניט נאָר אױפגעשטעלט, נאָר אױך אױפגעהאַלטן געװאָרן אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרן דורך דעם קיבוץ גופא אין אַ פּרימיטיװן בנין, װאָס אַנטשפּרעכט ניט זײַן פאַרנעם און היסטאָריש־דער־ציערישער ראָל. דערפאַר איז איצט זײַער צײַטיק גע־

װאָרן דער געדאַנק אױפֿצושטעלן אַ פּאַסיקן בנין פֿאַר דעם אינסטיטוט, װאָס װעט גלײַכצײַטיק פֿאַראײביקן די טראַגישסטע תקופֿה אין אונזער געשיכטע און דעם געטאָ אױפֿשטאַנד, װעלכער איז געװען דער העכסטער אױסדרוק פֿון ייִדישער גבורה.

דער הסתדרות קאַמפּײַן אין אַמעריקע און די צאָלרײַכע פֿרײַנט פֿון די װאַרשעװער געטאָ העלדן אין דעם „קיבוץ לוחמי הגיטאות" רופֿן דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום צו העלפֿן אױפֿשטעלן דעם דאָזיקן װיכטיקן דענקמאָל, װאָס װעט אונדז אײביק דערמאָנען װעגן דעם װאָס דער דײַטשער עמלק האָט אונדז אָפּגעטאָן. בײַשטײַ־ערונגען פֿאַר דעם צװעק דאַרפֿן צוגעשיקט װערן אױפֿן פֿאָלגנדן אַדרעס:

GHETTO FIGHTERS HOUSE
c/o Histadrut
33 East 67th Street
New York 21, N.Y.

קיבוץ לוחמי הגיטאות - אַלגעמײנער אױסבליק

דאָס הויז פון די געטאָ־קעמפער אין אָנדענק פון יצחק קאַצענעלסאָן

צענטער פאַר דער פאָרשונג פון אידישן חורבן און ווידערשטאַנד אין נאַצי־אָקופּירטן אייראָפּע

דער קיבוץ „לוחמי הגיטאות" איז געגרינדעט געוואָרן אין מערב'דיקן גליל אין יאָר 1949. ווי אַלע אַנדערע קאָלעקטיווע ישובים איז דער קיבוץ באַזירט אויף די פּרינציפּן פון קאָלעקטיווער אַרבעט און דערציאונג, בעת די לאַנדווירט־שאַפט איז זיין הויפּט־קוואַל פון חיונה. דער נאָמען פון קיבוץ ווייזט אָבער אויף זיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און אויף דעם פּרט אין וועלכן ער אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע קיבוצים.

די גרעסטע מערהייט פון די דערוואַקסענע מיטגלידער פון קיבוץ זיינען געווען דירעקטע קרבנות פון נאַצישן באַרבאַריזם. די מערסטע פון זיי האָבן אַ סך מיטגעמאַכט און געליטן בשעת דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן דאָס אייראָפּעאישע יידנטום אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. די גרינדער פון קיבוץ לוחמי הגיטאות זיינען אין תוך לעבנגעבליבענע רעשט־לעך פון אויסגעהרגעטן פּוילישן אידנטום. אין משך פון יאָרן האָבן זיי געטיילט דעם גורל פון זייערע קהילות אין 29 געטאָס און געליטן אין גהינום פון 89 קאָנצענטראַציע לאַגערן. אויסער די געטאָ־קעמפער, געפינען זיך אויך צווישן די גרינדער פון קיבוץ, געוועזענע פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון פּוילן, ליטע, אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, ווי אויך געוועזענע קעמפער פון די אַליאירטע אַרמייען. אַמבולטסטן צווישן זיי איז די גרופּע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, איינשליסנדיק איינעם פון זיינע קאָמאַנדירן און עטלעכע אַנדערע פּראָמינענטע קעמפער.

דאָס ערשטע קערנדל פון דעם צוקונפטיקן קיבוץ איז נאָך אויפגעקומען אין פּוילן אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן. מיטגלידער פון דער אידישער ווידער־שטאַנד באַוועגונג, פּאַרטיזאַנער, געוועזענע קאַצעטלער האָבן דאָרט באַגייט די חלוצישע יוגנט באַוועגונג „דרור". זיי האָבן אויך אַריינגענומען אין זייערע רייען אַ צאָל פּליטים פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָבן דאָרט געזוכט שוץ פון די אַנטי־אידישע פּאַרפאָלגונגען. די אַלע מענטשן האָבן געהאַט איין איינציקן חלום — צו קומען קיין ישראל. זיי זיינען געגאַנגען איבער פאַרשידענע גרע־נעצן און פּערציק פּראָצענט פון זיי זיינען אונטערוועגס אינטערנירט געוואָרן אין ציפּערן.

די געמיינזאַמע דערציאונג, דער געראַנגל אין די מלחמה־יאָרן און די ליידן אין די פאַרשידענע פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע

און שפּעטער אין ציפערן זיינען שפּעטער געקומען צו זייער נאַטירלעכן אויסדרוק אין זייער פרייוויליקער מאָביליזאַציע אין צבא הגנה לישראל ערב און בעת ישראלס באַפרייאונגס־מלחמה. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָט די גרופּע באַשלאָסן צו גרינדן פאַר זיך אַ קיבוץ אויפן באָדן פון באַפרייטן גליל.

אויף אַזאַ אופן האָבן די געוועזענע קעמפער פון די געטאָס און וועלדער און געוועזענע קאַצעטלער אַ סוף געמאַכט צו זייערע וואַנדערונגען דורך אויפבויען פאַר זיך אַ היים אויף אַ שטח פון 4,000 דונאַם באָדן נישט ווייט פון ים־ברעג צווישן דער אוראַלטער שטאָט עכו און דער מאָדערנער שטאָט נהריה. היינט ציילט דער קיבוץ 178 מיטגלידער — 92 מענער, 86 פרויען און 110 קינדער.

יעדעס יאָר, דעם 19טן אַפּריל, אין דעם יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווערט אָפּגעהאַלטן אין קיבוץ לוחמי הגיטאות אַ גרויסער מאַסן־יאָרצייט און טויזנטער מענער און פרויען פון אַלע טיילן פון לאַנד קומען זיך צונויף אין קיבוץ כדי צו באַערן דעם אָנדענק פון די געטאָ־קעמפער און מאַר־טירער.

די היסטאָרישע אַרכיוון

פון די ערשטע טעג וואָס דער קיבוץ איז געגרינדעט געוואָרן, בעת ער האָט זיך נאָך געראַנגלט מיט די פּראָבלעמען פון איינוואָרצלונג און אַקלימאַ־טיזאַציע, איז אויפגעקומען דער געדאַנק אויפצושטעלן אַ היסטאָרישן אינסטיטוט אויף צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די געטאָ־קעמפער און מאַרטירער, און אויף צו פאָרשן זיך און אויסצופאָרשן די געשעענישן וואָס האָבן געפירט צו דעם חורבן פון די אידישע קהילות אין אייראָפּע. טראָץ דער שווערער עקאָנאָמי־שער לאַגע פון דעם יונגן קיבוץ, איז באַשטימט געוואָרן אַ הויז פאַר די ערשטע דאָקומענטן און ביכער פון אינסטיטוט.

דעם 19טן אַפּריל 1950, צום 7טן יובל פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז דער „בית לוחמי הגיטאות" אָפיציעל דערעפנט געוואָרן אין דער אָנוועזנהייט פון אַ ריזיקן עולם, איינשליסנדיק אַ סך פּראָמינענטע פערזענלעכקייטן פון גאַנצן לאַנד. דער אינסטיטוט איז אָנגערופן געוואָרן נאָך דעם דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, מחבר פון דער באַרימטער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן אידישן פאָלק", וועלכער איז געווען אַ גרויסער פריינט פון דער חלוצישער ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשע, און וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ.

די אַרכיוון, וואָס האַלטן אין איין אויסגעברייטערט ווערן, אַנטהאַלטן איצט די פאָלגנדע מאַטעריאַלן:

1. אַ זאַמלונג פון דער אונטערגרונט ליטעראַטור און פּרעסע־אויסשניטן פון די פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע גרופּן וואָס זיינען טעטיק געווען אין אָקופּירטן פּוילן. ליטעראַטור וואָס שפּיגלט אָפּ די באַציאונג פון נישט־אידישע מיטגלידער פון דער פּוילישער אונטערגרונט באַוועגונג צו די פאַרפאָלגונגען פון די אידן.

2. בריוו־אויסטויש צווישן אידן אין פּוילן, רומעניע, דייטשלאַנד, האָלאַנד און אַנדערע אָקופּירטע לענדער, צווישן יחידים און אָרגאַניזאַציעס אין די



אַ ווינקל אויף דער אויסשטעלונג אין מוזעאום פון „בית לוחמי הגיטאות"

נייטראַלע לענדער, דעקלאַראַציעס און געדרוקטע מאַטעריאַלן פון אידישע פליטים און הילפס־אָרגאַניזאַציעס און פּריוואַטע בריוו פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

3. די אַרכיוון פון דער פּוילישער החלוץ־באַוועגונג וואָס זיינען דורך מרדכי טענענבוים באַגראָבן געוואָרן פאַר דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ און זיינען נאָך דעם קריג אויסגעגראָבן געוואָרן פון הינטער די חורבות.

4. דאָקומענטן און אַנדערע מאַטעריאַלן פון די געטאָס פון וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק און אַנדערע אידישע קהילות וואָס זיינען אינגאַנצן חרוב געוואָרן.

5. אָפיציעלע דאָקומענטן פון צענטראַלע און לאָקאַלע דייטשע אויטאָריטעטן.

6. הונדערטער דאָקומענטן וועגן דער אַרבעט פון דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס שילדערן די טעטיקייטן פון די געטאָ־קעמפער, פּאַרטיזאַנער און אַקטיווע מיטגלידער פון רעטונגס־אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן צו ראַטעווען אידן.

7. אַ זאַמלונג פון אָריגינעלע לידער אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

8. אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר דער ליטעראַרישער ירושה פון יצחק קאַ־

צענעלסאָן. די דאָזיקע זאַמלונג שליסט איין קאַצענעלסאָנס אַלע מאַנוסקריפּטן פון וואַרשעווער געטאָ און דעם לאַגער אין וויטעל, פראַנקרייך, אַן אומפאַנגרייכע זאַמלונג פון זיינע פאַרעפנטלעכטע שריפטן; עסייען, אַרטיקלען און פאָטאָגראַפיעס פון זיין משפחה און פריינט.

אין די אַרכיוון געפינט זיך אויך אַ זאַמלונג פון 6,000 פאָטאָגראַפיעס וואָס אילוסטרירן אויף אַ גראַפישן אופן די מעטאָדן פון דער דייטשער אַנטי־סעמיטישער פראָפּאַגאַנדע, די ליידן פון די פאַרשפאַרטע אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן און וואָס זאָגן עדות וועגן די צווענטועלע אַקטן פון אויס־ראָטונג. די דאָזיקע זאַמלונג אַנטהאַלט אויך אַ צאָל דייטשע פאָטאָגראַפיעס, וואָס דאָקומענטירן די אונטערדריקונג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. עס זיינען אויך פאַראַן פאָטאָגראַפיעס געמאַכט נאָך דעם קריג פון מאַסן־קברים און מצבות. אַ צאָל בילדער אילוסטרירן דאָס לעבן אין די פּליטים־לאַגערן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה.

די ביבליאָטעק

די ביבליאָטעק אַנטהאַלט איצט דאָקומענטן אין פאַרשידענע שפּראַכן. עס זיינען פאַראַן אין איר די פאָלגנדע אָפּטיילונגען: נאַצישע פראָפּאַגאַנדע־ליטע־ראַטור, טאָג־ביכער פון קרבנות פון קריג און פאַרפאָלגונגען; „יזכור”־ביכער אין אָנדענק פון אומגעבראַכטע אידישע קהילות; צייטשריפטן פון דער שארית הפליטה, באַריכטן פון אידישע פאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפער, דייטשע געשיכטע־ביכער, א. אַ. לעצטנס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייע אָפּטיילונג פאַר פּובליקאַציעס פון נאָך דער מלחמה־תקופה, וואָס באַשטייט פון דייטשע ביכער און צייטשריפטן וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער מוזעאום

אין מוזעאום זיינען אויסגעשטעלט אַ צאָל דאָקומענטן, אָריגינעלע און פאָ־טאָגראַפיעס, וואָס זאָגן עדות אויף די פאַרשידענע פאַזן פון דער אידישער קאַטאַ־סטראָפע: ווי אַנטי־אידישע פראָפּאַגאַנדע פּלאַקאַטן; באַפעלן צו קאָנצענטרירן די אידן אין די געטאָס; אויסזידלונגס־ליסטן; פּלענער פאַר דער פאַרניכטונג פון לאַגערן; פאָטאָגראַפיעס פון בוכענוואַלד־קרעמאַטאָריום; פּערזענלעכע דאָ־קומענטן פון די געטאָ־איינוואוינער און געטאָ־קעמפער; ספּעציעלע געטאָ פּאָסט־מאַרקן און באַנקנאָטן; געפעלשטע „אַרישע” פּאַפּירן; מעדאַלן וואָס זיינען גע־געבן געוואָרן צו אידישע פאַרטיזאַנער; זאַכן פון פּערזענלעכן אייגנטום און גע־שענדעטע תשמישי־קדושה, וואָס זיינען געפונען געוואָרן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

אין דעם מוזעאום איז אויך לעצטנס געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג פאַר אַ ספּעציעלן פילם־אַרכיוו אויף צו זאַמלען פילמען וועגן די פאַרפאָלגונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

טויזנטער מענטשן האָבן שוין ביז איצט באַזוכט די פּערמאַנענטע אויס־שטעלונג אין דעם מוזעאום, איינשליסנדיק שול־קינדער מיט זייערע לערער, זעלנער, וועטעראַנען און נייע עולים, ווי אויך געסט פון אויסלאַנד.

באַזוכער אין אַ ווינקל פון דער אויסשטעלונג אין „בית לוחמי הגיטאות"

צייטווייליקע אויסשטעלונגען

אויסער דער פּערמאַנענטער אויסשטעלונג אין מוזעאום גופא, האָט דער „בית לוחמי הגיטאות" איינגעאָרדנט אַ סעריע פון צייטווייליקע אויסשטעלונגען אין תל־אביב, חיפה, פּתח־תקוה, רחובות, רמלה, און הרצליה. די אויסשטעלונגען באַשטייען פון פאָטאָגראַפיעס און קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן מיטן צוועק צו געבן דעם באַזוכער אַ פול בילד וועגן דער קאַטאַסטראָפע און וועגן דעם אידישן קאַמף מיטן שונא. לעקציעס און פאָרלעזונגען זיינען אויך געהאַלטן געוואָרן פאַר דערוואַקסענע און שול־קינדער און עס זיינען געוויזן געוואָרן פילמען פון דעם אַרכיוו.

מיט צוויי יאָר צוריק איז אַ באַוועגלעכע אויסשטעלונג פון פאָטאָגראַפיעס און דאָקומענטן געוויזן געוואָרן צו אַ סך אָפּטיילונגען פון דער ישראל־אַרמיי. דער צענטער יובל פון דער אידישער בריגאַדע איז געפייערט געוואָרן דורך אַן אויסשטעלונג אין עכו, וואָס האָט געשילדערט ווי אַזוי דער ישראלדיקער ישוב האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די ליידן פון זייערע ברידער אין גלות און דעם איינגעשפּאַרטן קאַמף וואָס ער האָט געפירט פאַר די רעכט צו באַקעמפן די נאַצי־חיילות אונטער דער אידישער נאַציאָנאַלער פאָן.

9

זאַמלונג פון קונסט־ווערק

דער „בית לוחמי הגיטאות“ פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע זאַמלונג פון קונסט־ווערק וועגן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אומגליק און דעם אויפשטאַנד. די דאָזיקע ווערק זיינען איינגעטיילט אין דריי טיילן:

אין אָפּטיילונג באַשטייט פון צייכענונגען און סקעטשעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון אומגליק. דאַרונטער זיינען איינגעשלאָסן אַרבעטן פון אייזיק פעדער, וואָס זיינען געצייכנט געוואָרן אונטער די שטאַכל מויערן פון דרעסני אין פראַנקרייך, וואו ער איז געווען פאַרשפּאַרט אַ יאָר צייט און האָט באַוויזן צו מאַכן זיינע צייכענונגען. זיין פרוי איז געווען אויסער דעם לאַגער און האָט דורך אונטערקויפן די וועכטער באַוויזן אַרויסצוקריגן אַ טייל פון זיינע אַרבעטן, וואָס שילדערן טיפּן פון לאַגער־מענטשן. פעדערס אַלמנה האָט אַוועקגעשענקט די גאַנצע סעריע צייכענונגען צו דעם מוזעאום.

אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג געפינען זיך אויך אסתר לוריעס מאַלערייען פון קאָוונער געטאָ און אירע צייכענונגען פון דעם שטוטהאָף און לייביטש לאַגערן. פאַראַן אויך דאָרט צייכענונגען פון דעם פּאַרטיזאַן־קינסטלער אַלעקסאַנדער באָגען, וואָס ער האָט געמאַכט אין די וועלדער בשעת ער איז געווען מיט זיין קאַמפּס־אָפּטיילונג. פאַראַן אויך צייכענונגען וואָס קומען פון מאַלינעס, קאַמפּיין און וועסטערבאָרק לאַגערן, ווי אויך פון טערעזיענשטאַט געטאָ.

די דאָזיקע בילדער און צייכענונגען זיינען נישט נאָר באַדייטונגספול אַלס וואָגיקער באַווייז־מאַטעריאַל פון דער שוידערלעכער היסטאָרישער תקופה, נאָר אויך אַ באַווייז פון גייסטיקער גבורה. אין סאַמע ברען פון חורבן זיינען די דאָזיקע אידישע קינסטלער אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט און האָבן פאַרפיקסירט דאָס וואָס זיי האָבן געזען אַרום זיך.

די צווייטע אָפּטיילונג אַנטהאַלט קונסט־ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון די מלחמה־יאָרן און געהערן דערפאַר צו דער קאַטעגאָריע פון מאַטעריאַלן אין וועלכע דער אינסטיטוט איז פאַראינטערעסירט, אַפילו ווען זיי זיינען שוין געשאַפן געוואָרן נאָכן קריג.

די דריטע אָפּטיילונג באַשטייט פון קונסט־ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך אידישע קינסטלער, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אָדער זייערע נאָכפאָלגער. דער „בית לוחמי הגיטאות“ וויל אָפּהיטן זייער אָנדענק און אַרויסווייזן זיי אַ חסד של אמת דורך האַלטן זייערע איבערגעבליבענע ווערק. אין אַ אינדעקס קאַרטאָטעקע געפינען זיך די נעמען פון אַ סך קינסטלער, וואָס זיינען אומגעקומען אין די יאָרן פון חורבן, מיט זייערע ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון זייערע קינסטלערישע טעטיקייטן. אַ סך פון די קינסטלער האָבן זיך קונה־שם געווען אין די פאַרשידענע שיטות פון מאָדערנער קונסט.

הונדערט פון די דאָזיקע בילדער, וואָס רעפּרעזענטירן 34 קינסטלער, זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דעם „יד לבנים“ בנין אין פּתח־תקוה. מיט אַ יאָר צוריק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ צייטווייליקע אויסשטעלונג אין דעם ניט־פאַרענדיקטן בנין פון „בית לוחמי הגיטאות“. די דאָזיקע זאַמלונג ווערט פאַרוואַלטעט פון מרים נאָוויטש.

צייטשריפטן

אַ היסטאָרישער ביולעטין, וואָס הייסט „ידיעות״ דערשיינט איצט רעגלמעסיק. ער אַנטהאַלט אַרטיקלען פון באַוואוסטע היסטאָריקער, אויסצוגן פון ניט־פאַרעפנטלעכטע טאָג־ביכער, גביית־עדותן, דייטשע דאָקומענטן, און אַ. וו. דער ביולעטין איז אויך דער אָרגאַן פאַר די טעטיקייטן פון אינסטיטוט. ביז איצט זיינען שוין דערשינען 21 נומערן פון די „ידיעות״. אויף דעם זעלבן געביט זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע ביכער: „דער טאָג־בוך פון יוסטינא דרענגער״, אַ געפאַלענע העלדין פון קראָקאָווער געטאָ; דער „ספר מלחמות הגיטאות״ — אַ וויכטיקע אַנטאָלאָגיע פון באַשרייבונגען, פאָעמעס און דאָקומענטן, וואָס שילדערן דעם אידישן ווידערשטאַנד קעגן שונא. די ערשטע אויסגאַבע איז דערשינען אין 1954 און איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אָנערקענונג. ביז איצט איז דאָס בוך שוין אַרויס אין דריי אויפלאַגן. אַ צווייטער באַנד וועגן אידישן ווידערשטאַנד אין אַלע לענדער אויסער פוילן האַלט איצט אין צוגעגרייט ווערן. היסטאָרישע מאַטעריאַלן האַלטן אין איין אויפגעזאַמלט ווערן פאַר דעם צוועק אין ישראל און אין אייראָפע דורך אַ ספעציעלן שליח. דער באַנד וועט זיך באַשעפטיקן מיט דער אידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין האָלאַנד, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע און אין אַלע געביטן פון סאָוועט־רוסלאַנד און אין די אָקופירטע טעריטאָריעס פון מערב־אייראָפע.

אין 1956־57 איז דערשינען דער „אונטערגרונט טאָג־בוך״ פון בתיה טעמקין־בערמאַן. דער דאָזיקער טאָג־בוך שילדערט דאָס לעבן אין דער „אַרישער״ וואַרשע נאָך דער דערשטיקונג פון געטאָ־אויפשטאַנד. ער גיט אַ סך פאָרטרעטן פון געטאָ־קעמפער. אַן אַנדערער טאָג־בוך פון גד ראָזענטאַל, אַ אידישער פאַרטיזאַנער, וואָס הייסט „דאָס וואַלד ברענט״, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

עס זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן צוויי אויסגאַבן פון יצחק קאַצענעלסאָנס „לעצטע שריפטן״ — די צווייטע אויסגאַבע אַן אויסגעברייטערטע. זי אַנטהאַלט דעם דיכטערס שאַפונגען אין וואַרשעווער געטאָ און אין דעם וויטעל־לאַגער אין פראַנקרייך. דאָס אַרויסגעבן דעם בוך האָט געפאָדערט אַ סך אַרבעט פון אויפזאַמלען, איבערשרייבן און דעשיפרירן, וועלכע איז געטאָן געוואָרן אין „בית לוחמי הגיטאות״. עס האַלט איצט אין צוגעגרייט ווערן אַ פולע העברעאישע אויסגאַבע פון דר. עמנואל ריגעלבלומס נאָטיצן פון געטאָ. דער מחבר איז געווען דער גרינדער און פאַרוואַלטער פון דעם אונטערערדישן אַרכיוו אין וואַרשעווער געטאָ.

זינט זיין גרינדונג האָט דער „בית לוחמי הגיטאות״ געהאָלפן פאַרעפנטלעכן אַ צאָל אַרבעטן, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. דאָ מעג דערמאָנט ווערן דער באַנד „השואה והמרי״ (די קאַטאַסטראָפע און דער ווידערשטאַנד) וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום 10טן יובל פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד דורך דעם ישראל דערציאונג־מיניסטעריום און דער באַנד „יד לשואה ולמרד״ (אַ מצבה נאָך דעם אומגליק און דעם אויפשטאַנד) אַרויסגעגעבן דורך דעם קרן קיימת.



מאָדעל פון דעם נייעם בנין פאַר דעם „בית לוחמי הגיטאות", וואָס ווערט געבויט מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער הסתדרות קאַמפּיין.

דער נייער בנין

דער גרעסטער טייל פון בודזשעט פון אינסטיטוט ווערט געדעקט דורך ביישטייערונגען פון די קיבוץ המאוחד ישובים און דער „געזעלשאַפט פון פריינט פון בית לוחמי הגיטאות". די געזעלשאַפט ציילט אַרום 3,000 מיטגלידער אין גאַנצן לאַנד. קלענערע ביישטייערונגען קריגט אויך דער אינסטיטוט פון דער אידישער אַגענץ, דער הסתדרות און פון אַ צאָל ישראל־מוניציפּאַליטעטן.

אין משך פון 9 יאָר צייט האָט דער „בית לוחמי הגיטאות" דערפילט זיינע פליכטן אונטער פּראָוויזאָרישע באַדינגונגען. די דאָזיקע באַדינגונגען אַנטשפּרעכן ניט די אויפגאַבן וואָס דער אינסטיטוט דאַרף ווייטער דערפילן. כדי צו באַאַרבעטן און אָפּצוהיטן די מאַטעריאַלן, וואָס דער אינסטיטוט פאַרמאָגט שוין און וועט ווייטער קריגן און כדי צו געבן די מיטאַרבעטער פון אינסטיטוט די פיזישע מעגלעכקייטן פאַר זייער אַרבעט און כדי אויפצובויען אַ פאָטאָגראַפישע לאַבאָראַטאָריע און אַנדערע נויטיקע איינריכטונגען, האָט מען אָנגעהויבן בויען אַ בנין פאַר דעם „בית לוחמי הגיטאות". צוליב דעם מאַנגל אין מיטלען און בוי־מאַטעריאַלן האָט אָבער די אַרבעט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן.

*
**

דער „בית לוחמי הגיטאות" וועט ווייטער געטריי בלייבן צו זיין היסטאָרישער שליחות — אָפּצוהיטן דעם אָנדענק און אַזוי אַרום דעם גייסט פון די קעמפער און מאַרטירער. די אידן אין די תפוצות קענען און מוזן העלפן דעם „בית לוחמי הגיטאות" ווייטער אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט.

provisional conditions. The present facilities are inadequate for the tasks ahead of the Institute. In order to handle and to house all the material already owned by the Institute and still to be acquired by it, to provide adequate premises for its workers, and to build a photographic laboratory and other facilities necessary for the work, the construction of a new Ghetto Fighters' House has been undertaken. But owing to the difficulties of building in this country, the construction work had to be suspended. Only the first stage of the Museum is finished ; additional funds are needed to complete the building.

●

Beth Lohamei Haghettaot will remain faithful to its historic mission — to preserve the memory, and thus the spirit, of the Fighters and Martyrs.

It is up to people of good will the world over to aid it in its task.

Ruins of the Warsaw Ghetto

This Collection is administered by Miriam Nowich.

The Publications

An historical bulletin is now published regularly under the title "Yediot" (News of the Ghetto Fighters' House) containing articles by known historians, extracts from unpublished diaries, statements by eye-witnesses, German documents, etc. The bulletin also serves as a tribune for the Institute's activities. Up to the present 19 issues of the "Yediot" have appeared. To commemorate the Fourteenth Anniversary of the Warsaw Revolt "Yediot" appeared in a double volume containing rich historical material. In the same field several books have been published : "The Diary of Justina Dranger", a fallen hero of the Cracow Ghetto ; "The Book of the Ghetto Uprising" — ("Sepher Milhamot Haggettaot") — an important anthology of writings, poems and documents describing Jewish resistance against the enemy. The first edition appeared in 1954. It met with great appreciation in the country and has reached its third edition. A second volume dealing with the resistance of the Jews in all the countries besides Poland is in preparation. Historical material is continually being collected in Israel and all over Europe by a special delegate. The volume will deal with the Jewish Underground in The Netherlands, Hungary, Yugoslavia, in all the regions of Soviet Russia and in all the occupied territories of Western Europe.

In 1956-57 there appeared also "The Underground Diary", written by Batya Temkin-Berman. This diary tells about the life in "Aryan" Warsaw after the suppression of the Ghetto Revolt. It gives many a portrait of the ghetto fighters. Another diary, that of Gad Rosenthal, a Jewish partisan, entitled "The Forest is afire", has likewise been printed.

Two editions of the "Last Writings" of Yitzhak Katznelson have been published, the second of which is an enlarged one. It comprises the poet's creations in the Warsaw Ghetto and in the internment camp of Vittel. This publication demanded a great deal of work — collecting, deciphering and copying — which was done by Beth Lohamei Haghettaot.

In preparation is a full Hebrew edition of Dr. Immanuel Ringelblum's Notes from the Ghetto. The author was the founder and head of the Underground Archives of the Warsaw Ghetto.

Since its establishment the Ghetto Fighters' House has assisted in a number of works published by the National Institutions and various Organizations. Mention may be made of the volume on "Hashoa Vehameri" (Catastrophe and Resistance) published on the Tenth Anniversary of the Warsaw Ghetto Revolt by the Ministry of Education ; and also of the volume "Yad Lashoa Velamered" (Memorial to the Catastrophe and Revolt), issued by the Jewish National Fund.

The New Building

The main budget of the Institute is derived from contributions of the Kibbutz Meuhad settlements and the "Association of Friends of Beth Lohamei Haghettaot", the latter being a country-wide organization of about 3,000 members. Some small contributions come from the Jewish Agency, the Histadrut and from some of the Israel Municipalities.

For 8 years Beth Lohamei Haghettaot has carried out its duty under

Temporary Exhibitions

In addition to permanent exhibitions in the Museum itself, the Ghetto Fighters' House has arranged a series of temporary exhibitions throughout Israel : In Tel-Aviv and Haifa, Petah-Tikva, Rehovot, Ramla and Herzlia. Exhibits included photographs and photostats of documents selected and edited with the aim of giving the visitor a consecutive impression of the course of the catastrophe and the Jewish struggle against the enemy. Lectures were given ,also talks, to school-children. Documentary films from our Archives were also shown.

Last year a Travelling Exhibition of photos and documents was seen by many Israel Army units. The Tenth Anniversary of the Jewish Brigade was celebrated by an Exhibition in Acre, displaying the manner in which Eretz Israel Jewry identified themselves with their suffering brethren in Exile, and the obstinate struggle for the Right to Combat the Nazi forces under the Jewish National flag.

The Collection of Works of Art

"Beth Lohamei Haghettaot" has a special Collection of Works of Art connected with the Catastrophe and the Revolt. These works are divided in three sections :

Section One consists of drawings and sketches dating from the actual time of the Catastrophe. These include the works of Eisik Feder, drawn behind the barbed wire fences of Drancy in France, where he was detained for a whole year but by dint of desperate effort succeeded in continuing his drawing. His wife was not in the camp. She bribed the guards and succeeded in obtaining part of his work, showing the likenesses of his fellow-prisoners. Feder's widow has presented the entire series to the Museum.

This Section also has the paintings done by Esther Louria in the Kovno Ghetto, and her sketches from the Stutthof and Leibitsch Camps. Also to be found here are the sketches of the partisan artist Alexander Bogen, drawn while with his unit in the forest. Other sketches found here come from the Malines, Compiègne and Westerbork Camps as well as the Theresienstadt Ghetto.

These pictures are significant not only as vital evidence of a terrifying historical period and for their documentary value, but also as a proof of human spiritual strength. At the very height of the Catastrophe these Jewish artists continued their work and recorded what they saw around them.

Section Two contains works of art inspired by the War years and therefore coming within our sphere of interest, even if they were produced after the War.

Section Three contains works by Jewish artists exterminated by the Nazis or their followers. We wish to preserve their memories, to show them the kindness of saving their surviving works from destruction. Our Card Index contains the names of many artists who perished during the period of the Catastrophe, with their biographies and an account of their artistic activities. Many of these artists had already achieved reputations in various schools of Modern Art.

One hundred of these works have been exhibited at the "Yad Labanim" Building in Petah-Tikva. They represented 34 artists. A year ago a temporary Exhibition was held at the unfinished building of the Ghetto Fighters' House in Kibbutz Lohamei Haghettaot.

by Mordechai Tennenbaum before the liquidation of the Warsaw Ghetto, and subsequently dug up from the ruins after the War.

4. Documents and other material from the ghettos of Warsaw, Lodz, Vilna, Bialystok and other Jewish communities which were completely destroyed.

5. Official documents of central and local German authorities.

6. Hundreds of statements on underground work, describing the activities of the ghetto fighters, partisans and active members of "Hatzalah" organizations set up to rescue Jews.

7. A collection of hundreds of songs originating in the ghettos and the concentration camps.

8. A special section devoted to the literary heritage left by Yitzhak Katznelson. This collection includes all the Katznelson manuscripts from the Warsaw Ghetto and the camp of Vittel in France ; an extensive collection of his published works ; essays, articles and photographs of his family and friends.

The Archives also possess a collection of 6,000 photographs which graphically illustrate the methods of German anti-Semitic propaganda, depict the suffering of the internees in the ghettos and the concentration camps, and bear witness to the eventual acts of extermination. This collection also includes a number of German photographs documenting the suppression of the Warsaw Ghetto Revolt. There are also photographs made after the War, such as of communal graves and monuments. A number of pictures illustrate life in the Displaced Persons Camps during the first post-war years.

The Library

The library at present contains papers in many different languages.
papers in many different languages.
Among its several sections are : Nazi propaganda literature, diaries of victims of war and persecution, "Yizkor" — books in memory of the destroyed Jewish Communities, the publications of "Sheerit Hapleta" — the ex-inmates of the concentration camps, — reports of the Jewish partisans and Ghetto Fighters, books on German history, etc., etc. Recently a new section has been set up, entitled "Post-war Publications", and comprising German publications relating to the Second World War.

The Museum

In the Museum a number of documents, originals and photostats are exhibited, which bear witness to the various phases of the annihilation : such as anti-Jewish propaganda posters ; orders to concentrate the Jews in the Ghettos; deportation lists; plans of extermination camps; photographs of the Buchenwald crematoria; personal documents of the ghetto internees and ghetto fighters, special ghetto postage stamps and bank notes ; forged "Aryan" papers ; medals given to Jewish partisans ; personal belongings and desecrated religious articles found in the extermination camps.

The Museum has of late created a new section — a special film-archive — the aim of which is to collect the largest possible number of films dealing with the persecutions and the Second World War.

Thousands have already visited the permanent exhibition at the Museum : children accompanied by their teachers, soldiers, veterans and new settlers and guests from overseas.

camps renewed the Youth Pioneer Movement "Dror"; they also absorbed some refugees from Soviet Russia, who had found shelter there from the anti-Jewish persecutions. All these people had one single dream — to reach Israel. They crossed the frontiers, and forty per cent of them were interned in Cyprus en route.

The common education, the struggle during the war and the hardships subsequently undergone is the various Displaced Persons camps of Germany, Austria, Italy and later Cyprus, and the flight from them — found their natural continuation in voluntary enlistment in the Israel Defence Army of "Zva Haganah Leisrael"; and when peace came the group decided to establish itself as a collective settlement on the soil of liberated Galilee.

Thus the former Ghetto and forest fighters and ex-concentration camp inmates put an end to their wanderings by founding a home on a plot of 4,000 dunams located near the seashore between the old city of Acre and modern Naharia. Today the settlement contains 178 members — 92 men and 86 women. The number of the children is 140. There are also several old people — parents of members — and some 80 girls and boys from Eastern countries, who are being brought up in the kibbutz.

Every year on the 19th April, the date of the Warsaw Ghetto Revolt, a significant ceremony is held in Kibbutz Lohamei Haghettaot. People from all over the country come together to honor the Ghetto Fighters and the Martyrs.

The Historical Archives

From the first days of the settlement's existence, even while grappling with the problems of adaptation and acclimatisation, the idea emerged of setting up an establishment for the perpetuation of the memory of the nations' fighters and martyrs; an Historical Institute to elucidate and investigate the events leading to the destruction of the Jewish communities in Europe. In spite of the difficult economic situation of the young kibbutz a building was allotted to house the first documents and books.

On the 19th April 1950, the Seventh Anniversary of the Warsaw Ghetto Revolt, the Ghetto Fighters' House was officially inaugurated in the presence of an immense crowd of people, including many outstanding personalities from all over the country. The institute was named after the late Yitzhak Katznelson, friend of the Halutz Underground Movement in Warsaw, poet and chronicler of the catastrophe of his people, author of the famous poem, "The Song of the Slain Jewish People," who was killed in Auschwitz.

The Archives, which are constantly being enlarged, at present contain:

1. A collection of underground literature and press cuttings of the various political and social groups functioning in occupied Poland; literature reflecting the attitude of non-Jewish members of the Polish underground towards the persecution of the Jews.

2. Exchange of correspondence between Jews in Poland, Roumania, Germany, France, Holland and other occupied countries; between individuals and organizations in the neutral countries; declarations and publications of the Jewish Refugee and Aid Societies; private letters from the occupied territories.

3. The Archives of the Polish Halutz Movement which were buried



CORNER OF THE MUSEUM OF DESTRUCTION AND RESISTANCE

GHETTO FIGHTERS' HOUSE IN MEMORY OF YITZHAK KATZNELSON

Centre for the Study of the Extermination and Resistance of the Jews in Nazi Europe

Kibbutz "Lohamei Haghettaot" was established in Western Galilee in 1949. Like all such settlements it has collective work and education as its basic principles, while agriculture is its main source of livelihood. However, its unique character and the point in which it differs from all other kibbutz settlement are indicated by its name.

The great majority of its adult members directly experienced Nazi barbarity themselves. Most of them lived through and suffered in the terrifying catastrophe which European Jewry underwent during the Second World War. It may indeed be said that the founders of Lohamei Haghettaot are the ultimate remnant of the exterminated Jewry of Poland and Eastern Europe. For years they shared the fate of their communities in 29 ghettos and endured the hell of 89 concentration camps. Beside the Ghetto fighters, the founders of the settlement include ex-partisans from the forests of Poland, Lithuania, Ukraine and White Russia as well as former members of the Allied Forces. Prominent among them is the group of the Warsaw Ghetto Revolt, including one of its commanders and several other notable underground fighters.

The first nucleus of the future settlement emerged in Poland during the first years after the War. Members of the Jewish Underground, partisans, ex-inmates of extermination

facilities are required. In brief, an entirely new structure is needed. Because of financial reasons, only a start has been made, and the first stage of the Institute has been finished. The plan calls for a museum, library, archives. The Institute will not be merely a storehouse of things long dead but a powerhouse generating a deeper understanding of the processes of Jewish history. It will also accent the role played by the resistance movement.

The Israel Association of Friends of the Ghetto Fighters House is headed by such personalities as Golda Meir, Mrs. Rachel Ben Zvi, Professor Benjamin Mazar, Zalman Shazar, Rabbi Mordecai Nurock, and Itzhak Tobenkin. An American committee is being formed for the purpose of raising funds toward the project. Headquarters are at 33 East 67th Street, New York 21, N. Y.



THE WALL ROUND THE WARSAW GHETTO

modern Nahariya, on the Mediterranean shore. The settlement now numbers 178 members (92 men, 86 women) and 140 children, with a sprinkling of old folks; also, 80 boys and girls from Oriental countries are being brought up in their midst.

FROM the beginning, despite the physical hardships in adjusting to the climate and work, members of the kibbutz clung to the idea of perpetuating the memory of the nation's martyrs. They dreamed of setting up a historical institute for the study of European Jewish communities destroyed by the holocaust. With their limited means, they set aside a small building to house the first documents and books. On April 19, 1950, the seventh anniversary of the uprising, the Ghetto Fighters House was officially inaugurated. It was named in honor of Itzhak Katznelson, poet and chronicler of his people's catastrophe, and author of the famous poem, "The Song of the Slaughtered Jewish People"; he had died in Auschwitz.

The archives contain a wealth of literature produced by the Jewish underground in occupied Poland; material on the attitudes of non-Jews to Jews; correspondence between Jews; material buried by the defenders of the Ghetto and later recovered; official German documents; hundreds of reports on the work of the underground rescue movement; collections of songs originating in the Ghettos; and extensive literary works. There are 6,000 photographs illustrating the anti-Semitic propaganda of the Nazis, the sufferings of the Jews and actual acts of extermination, as well as photos of communal graves and monuments.

Besides collecting existing material, the House aims to put on public record important diaries and other works.

For five years, the Ghetto Fighters House has carried on its program with limited means. The building is inadequate. A new photographic laboratory and other

April 19th marks the anniversary of the historic revolt of the Jews of the Warsaw Ghetto against the Nazis—the outstanding instance of organized Jewish military action during the entire battle for survival during the Hitler era. Out of the ashes of that hopeless battle have come living legends that will illuminate the pages of textbooks for all time to come. But more than legends, a handful of survivors has lived through the ordeal, ultimately finding their place in the Jewish homeland, in Israel.

In 1949, *Kibbutz Lochamei Haghettaot* was formed in western Galilee. Like all collective settlements, there is collective work, with farming the main source of livelihood. But it is a unique kibbutz, with a social character quite different from other settlements in the country.

Most of the adults of the settlement were direct victims of Nazi barbarity. The majority suffered through the terrible catastrophe which befell the Jewish people during World War II. They shared the fate of their communities in 29 ghettos and endured the hell of 89 concentration camps. Besides the ghetto fighters, the builders of the settlement include ex-partisans from the forests of Poland, Lithuania, the Ukraine, and White Russia. There are also former soldiers of the Allied Forces. Prominent among them, however, are those who participated in the Warsaw Ghetto revolt, including the commander, Itzhak "Antek" Zuckerman.

A nucleus for the kibbutz had already been formed in Poland, where many had been active in Zionist youth movements; some escaped from Soviet Russia; some had been interned on Cyprus by the British en route to Palestine; many had been DP's in Germany, Austria, Italy. Hardship was their school, survival their goal.

Once in Israel, they naturally joined the defense forces; when peace came, they founded their settlement on the land of liberated Galilee. Thus, the former ghetto fighters and concentration camp inmates put an end to their sufferings and their wanderings and established a home on a thousand-acre plot between ancient Acre and

THE GHETTO FIGHTERS HOUSE

In Israel

A PROJECT OF THE

NATIONAL COMMITTEE FOR LABOR ISRAEL
33 East 67th Street New York 21, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.